Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

| Nr. 20 (1013) | Łódź, Poniedziałek 24 Stycznia 1927 | פינפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מאָנטאָג כא שבט תרפ"ז. | Nr. 20 (1013) |
|---|---|---|---|---|

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-7

# קאָנפליקט ענגלאַנד—סאָוויעטען צוליב כינא.

## סאָוויעטישע רעגירונג ציהט-ארויס איהר גאָלד-דעפּאָזיט פון די ענגלישע בענק

לאָנדאָן, 23 (ספּ. טעל.) די ענגלישע רעגירונגס-קרייזען האָבען דערהאַלטען ידיעות, אַז פּערקליידעטע סאָוויעטישע מיליטער-לייט קעמפען אויף דער זייט פון די כינעזער געגען ענגלאַנד.

די ענגלישע רעגירונג האָט דעריבער היינט איבערגעשיקט דער רוסישער באָטשאַפט אין לאָנדאָן אַ שאַרפע פּראָטעסט נאָטע.

אין די פּאָליטישע קרייזען פון ענגלאַנד בעטראַכט מען די דאָזיגע נאָטע פאַר אַנ'אָנהויב פון אַ שאַרפען קאָנפליקט צווישען ענגלאַנד און דער סאָוויעטישער רעגירונג.

לאָנדאָן, 23. (ספּ. טעל.) די סאָוויעטישע רעגירונג האָט בעשלאָסען ארויסצוציהען איהרע גאָלד-זאַפּאַסען, וועלכע ליגען אין די ענגלישע בענק.

דער דאָזיגער שריט ווערט אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס די סאָוויעטען האָבען מורא, אַז אין פאַל פון אַ קאָמפּליקאַציע אין די פּאָליטישע בעציהונגען, וועט ענגלאַנד קאָנפיסקירען דאָס רוסישע גאָלד

## ווידער ערד-ציטערנישען אין יאַפּאַן.

### 600 הייזער חרוב. — פיל נע'הרג'עטע און פערוואונדעטע.

יאָקאָהאָמאַ, 23. (ספּ. טעל.) אין יאַפּאַן איז ווידער פאָרגעקומען אַנ'ערד-ציטערניש. אין דער שטאָדט יאָקאָהאָמאַ זענען חרוב געוואָרען 600 הייזער. ס'זענען אויך פאַראַן אַ סך נע'הרג'עטע און פערוואונדעטע.

## אויסטויש פון פּאָליטישע אַרעסטירטע צווישען פּוילען און ליטע.

ווילנאָ, 23 (שעלעפאָניש) דער ליטווישער מיניסטערען קאַבינעט האָט בעשטעטיגט דעם אָפּמאַך פון ליטווישען און פּוילישען ראָטען-קרייץ וועגען אויסטויש פון פּאָליטישע אַרעסטירטע.

דער אויסטויש וועט שוין פאָרקומען אין די נאָהנטסטע טעג

----

## יודישע בעפעלקערונג אין א"י פערגרעסערט זיך.

וואַרשאָ, 23 (טעלעפאָניש) „קוריער וואַרשאַווסקי" טיילט מיט, אַז אויפ'ן גרונד פון סטאַטיסטישע ציפערן ווייזט זיך ארויס. אַז אין משך פון די לעצטע 4 חדשים האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג אין פּאַלעסטינע בעדייטענד פערגרעסערט און בעשטעהט איצט פון 160 000 נפשות.

Dziś w poniedziałek, dn. 24 Stycznia 1927 r. o godz. 8.30 w. odbędzie się w lokalu **Klubu Towarzyskiego** przy Stow. Kupców m Łodzi. ul. (Piotrkowska 73)

## I. WIECZÓR DYSKUSYJNY

Referat p. t.

„Polityka handlowa w r. 1926 i przewidywania na I kwartał 1927 r."

wygłosi wice-prezes Stow.

**p. JULJUSZ LEWSZTAJN**

Po referacie – dyskusja.

Wstęp wolny dla członków i wprowadzonych gości.

594

## מעבעל

אין גרעסטען אויסוואַהל רעיעל און ביליג

מיט די בעסטע בעדינגונגען בעקומט מען נאָר ביי ה'

## ווינטער, היליגנסקי 41,

פראָנט - געשעפט

כ'קויף אלט מעבעל און צאהל די העכסטע פרייזען

459

דענטיסט און צאָהנטעכניק

## י. ביטענסקי

5 קאָנסטאַנטינער 5

נעהמט אָן אַלע טאָג פון 9 פריה ביז 8 אָווענד.

פרייזען ביליגע! בערעטונג אָהן געצאָהלט

דעם סעקרעטאַר פון דער יודישער קהלה אין לאָדז, ה' פּנחס נאַדעל, צוליב'ן טויט פון זיין פאָטער

## נ"ע הערמאַן נאַדעל,

דריקט אויס איהר טיפען בייליד

## די לאָדזער יודישע קהלה-פערוואַלטונג.

593

## אכטונג! אכטונג!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרשטעהענדער

## 15-יאָהריגער יובליי-פייערונג

פון'ם צענטראַלען יודישען האַנדווערקער-פערבאַנד וואָס קומט פאָר דעם קומענדיגען זונטאָג, דעם 30. יאַנואַר ד. י. אין זאַל פילהאַרמאָניע, ווערען בילעטען צו דער פייערליכער אַקאַדעמיע פערקויפט יעדען אָווענד פון 8 אַ זייגער אין קאַנצעלאַריע פון פערבאַנד, פּאָלודנ. 4 און אין טאָג פון דער אַקאַדעמיע - ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

## דער יודישער רעסטאָראַטאָרען- און ביער-האַלע-בעזיצער-פעראיין

בעט אַלע איהרע מיטגלידער, אָהן אויסנאַהם, צו קומען מאָרגען, דינסטאָג, דעם 25. יאַנואַר ד. י. פּינקטליך 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין פעראיינס-לאָקאַל, פּאָמאָרסקאַ 19, און מיטברענגען

## די פּאַטענטען פון די יאָהרען 1925 26-27

צוליב זייערע אייגענע אינטערעסען.

592

די פערוואַלטונג.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 82 יאָהר אונזער הייס-געליבטע מוטער, גרויסמוטער, אור-גרויסמוטער, שוויגערמוטער און שוועסטער

נ. ע.

## זיסע נעכע קאַלושינער

(אשת ר' משה דוד ז"ל)

די לויה קומט פאָר היינט מאָנטאָג, דעם 24. ד. ח. 1 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז, ושעלאָנאַ 48, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער, די אין טיפען טויער פערבליבענע

## פאַמיליע.

597

## פאַר 3 זל.

עלעקטריש ליכט אין שטוב

קען יעדער בעקומען אויסצוצאָהלען וועכענטליך פאַר יעדען ב.

פערקויף פון פערשידענע עלעקטרישע מאַטעריאַלען

## פ. רעווין, קאָנסטאַנטינער 58,

פראָנט-געוועלב

